STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02474

TSU DI BREGN FUN TEL-AVIV

Hinde Zaretski

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל ב
לכבוד 32 יאָר
מדינת ישראל

הינדע זאַרעצקי

צו די ברעגן
פון
תל־אביב

פאַרלאַג ברידער שולזינגער ניו־יאָרק

1979

HINDE ZARETSKY

TSU DI BREGN FUN TEL-AVIV

(TO THE SHORES OF TEL-AVIV)

(Poems)

Copyright 1979 By
HINDE ZARETSKY
3000 Bronx Park E.
Bronx, N. Y. U. S. A.

נצח ישראל

טויבן פליען אונטער די זיבן הימלען,
צוויי און דרייסיק טויבן און מער.
פלאַטערן פליגל אונטער די זיבן הימלען,
פאַרהאַלטן ווינטן פון גרויל און שטער.

נצח ישראל — שאַלן די בערג פון ישראל,
נצח ישראל — רוישן די זאַמדן פון מדבר;
אויף אַדלער־פליגל זיך טראָגן מכבים,
גיבורים שמידן כוח פון דור צו דור.

אונטער די זיבן הימלען פליען טויבן,
צוויי און דרייסיק ווייסע טויבן און מער.
אַנטקעגן דאָס אייביקע פאָלק אין גלויבן
נצח ישראל לא ישקר!

צו די ברעגן פון תל־אביב

ניטאָ דער כוח וואָס קאָן אָפּשטעלן דאָס ברויזן פונם ים,
ניטאָ די האַנט וואָס קאָן אויסלעשן דאָס ליכט פון יעקבס שטאָם.
אַ סך וואַנדערונגען האָט ישראל געטאָן וואַנדערן זינט כנען, —
און היינט וועלן מיר דערציילן די מעשה: טעהעראָן.

ווייט פון דאַנען —
ווייט פון אונזער ברעג,
איז אַ לאַנד פאַראַנען,
אַ לאַנד מיט אַ דורכפאָר־וועג.
דאָס לאַנד האָט אַ מלך,
דאָס לאַנד האָט אַ פאָרט,
פאָרן שיפן מיט פליטים
אָפּ פון דאָרט.

ס׳האָט געזאָגט דער אַלמעכטיקער,
ס׳האָט געזאָגט דער וואוילער שאַך:
— אויף מיין ערד דער הייליקער,
אויף מיין ערד דער פרעכטיקער
קאָן מען זיך אָפּשטעלן,
קאָן מען בלויז דורכפאָרן,
און אין גוטסקייט אין זיין מעכטיקער
האָט ער געטאָן אַ קיניגלעכן לאַך.

איז איינמאָל אין אַ באַגינען,
מיטן ערשטן שפּראָץ אויף טאָג
אַ שיף אָפּגעשוואומען —
פונם לאַנד מיטן מלך,
פונם לאַנד מיטן פאַרט.

אַ שיף מיט קינדער־פּליטים
איז אָפּגעשוואומען פון דאָרט.

האָט די שיף געשניטן
דעם ים דעם טיפן,
און איינגעשטילט דאָס ברילן
פון די בייזע אינדן:
— ים!
ים, זיי וויסן
כ׳פיר קינדער־פּליטים
אַזש פון נע־ונד. —

האָט דער ים געשפּיגלט
אַ זילבער־גלאַטן וועג;
האָט דער פלאַג געפלאַטערט
צו תל־אביב׳ער ברעג.

זיינען טעכטער אָנגעקומען,
טעכטער פון יעקבס שטאַם
און אויסגעשטרעקט די הענט
צום שפּיגלדיקן ים

האָבן קבוצות צעעפנט טויערן און טיר
און קינדער אויפגענומען,
קינדער —
מיט שטויב פון אַלע וועגן,
אויגן פול מיט שרעק.

אָט זעען מיר אַ מנין ייִנגלעך,
מיט פּנימער צו מזרח־וואַנט —
בציבור זאָגן זיי:
— יהא שמיה רבא —
און טאַטע־מאַמע זיינען אין גן־עדן
און טאַטע־מאַמע ענטפערן בציבור:
— אָמן —

אָט איז אַ מיידל מיט צוקנדיקע אַקסלען,
זי טראָגט זיך אום מיט פּעקלעך צוויי:
— מיין מאַמע האָט מיר אָנגעזאָגט,
מיין מאַמע האָט מיר באַפוילן
כ׳זאָל אָפּהיטן מיין שוועסטערל די קליינע.
ז׳מיין שוועסטערל אין וואַלד געשטאָרבן,
מיט בלעטעלעך פון וואַלד האָב איך זי צוגעדעקט,
אַלע ביימער היטן זי, מיין שוועסטערל די קליינע.

אָט שלייכן אום די קינדערלעך די קליינע,
זיי טוליען זיך ווי שעפּסלעך;
זיי קלעפּן זיך צו שוועסטער דבורה,
גלעט זי זיי איבער די קעפּלעך.

שוועסטער דבורה נעמט קליינוואַרג אין שלאָפּצימער אַריין,
זי טיילט זיי אויס נאַכט־העמדלעך,
זי ציילט זיי „ניט איינס, ניט צוויי" — ביז ניין.

אויף יעדן קישן רויט אַן אויסגעצוואָגן קעפּל,
פון יעדן בעטל פלאַפּלען קינדער־ליפּלעך:
— שוועסטער, שוועסטער דבורה!

אין ווייסן קליידל שוועבט דבורה ווי אַ חלום.
איין קינד טוט זי אַ גלעט איבערן אַקסל,
איין קינד טוט זי אַ קוש אויפן שטערן.
הויך אויף אַ קול רופט זי אויס
אַלע קינדער זאָלן הערן:
— אַ גוטע נאַכט, איצט דאַרף מען שלאָפן,
מאָרגן, וועלן מיר ווידער זאָגן: שלום. —

קולות האָבן די נאַכט געשפּאָלטן,
האָט זיך שוועסטער דבורה
אַריינגעטראָגן ווי אַ ווייסער וואָלקן
און צוגעפאַלן צום בעט,

גלייך אַ זינקענדיקע שיף חלילה,
גלייך אַ שרפה:
שטילקייט האָט די קינדער דערשראָקן,
האָבן זייערע קולות אויפגעוועקט די נאַכט.
און שוועסטער דבורה, מיט זיי אין קלאָגן,
האָט פון זייער מורא אַ שפיל געמאַכט.
און קינדער זייַנען געבליבן שטיל,
און קינדער האָבן פאַרהאַלטן די טרערן.

שוועסטער דבורה האָט אויפן קול זיך צעוויינט
און קינדער האָבן זיך צעשמייכלט דורך טרערן:
קינדער איז געפעלן די שפיל — — —
— קינדער, וואָס זאָל שוועסטער דבורה אייך געבן?
— איך וויל אַ פלעצל מיט ציבעלע,
זאָגט דער בלייכער בערל, —
אַ פלעצל מיט גרינע ציבעלע.

— איך וויל אַ מאַמאַליגע מיט ברינדזע —
פלאַמט הערשל מיט זיינע קוילן־אויגן.

— איך וויל אַלע טאָג אַ ביסעלע וויינען,
בעט זיך פריידעלע —
אַלע טאָג אַ ביסעלע וויינען.

— איך וויל שוועסטער דבורה זאָל מיר זיין אַ מאַמע,
כליפּעט די קליינע חנה.

— גוט, כאַפּט זיך שוועסטער דבורה אין בעט אַריין.
לאָמיר צענעמען די הענט ווי פליגל,
און די בעט וועט אַן עראָפּלאַן זיין
און מיר וועלן פליען —
איבער בערג און איבער טאָלן,
איר הערט קינדער?
דו הערסט חנה?
מיר וועלן פליען

איבער בערג און איבער טאָלן
און מיר וועלן אָנקומען אין אַ לאַנד,
וואו יעדער קינד האָט אַ מאַמע
און פליענדיק, וועלן מיר זינגען אַ ליד:

איבער בערג און איבער טאָלן
פליען עראָפּלאַנען —
אינם לאַנד פון בערג און טאָלן
פאַר קינדער פרייד פאַראַנען:

אַ ווייס קלייד פאַר יעדן קינד
אַ סטענגעלע אַ בלומע,
דער גוטער טאָג פאַריאָגט דעם ווינט
און שפּרייט אויס הימלען בלויע.

פּרדסים זיינען גוטע באָבעס,
טיילן באָקסער, טייטלען און מאַראַנצן;
געשטאַרקט אין בענטשונג פון די אבות
גייען די קינדער טאַנצן,
אַיידי, אַיידידל־די
גייען די קינדער טאַנצן.

* *
*

אין יעדן קיבוץ און קבוצה
איז דאָ אַ שוועסטער דבורה,
זי קושט זיי אויס די טרערן
און ווישט אָפּ די מורא.

אַ וויגליד

(1944)

אָן גוטסקייט קאָן די וועלט ניט געדייען,
וועט גאָט אין הימל דעם מענטשן דערפרייען:
שלאָפט, קינדערלעך, שלאָפט איין,
דער מאָרגן וועט אַ ליכטיקער זיין —

וועלן שיפן שווימען אויף טייכן, אויף ים׳ען
און ברענגען צו אייך דעם טאַטן און מאַמען;
דער שמיד וועט שמידן, דער שניידער וועט נייען,
דאָס פעלד וועט מען אַקערן, קאָרן פאַרזייען.

די זון וועט קושן די שפּיצן פון זאַנגען,
פויערן וועלן אַרבעטן מיט פרייד, מיט געזאַנגען;
די מיל וועט צעמאָלן דאָס גרויל פון דער וועלט,
איך זע שוין דעם טאָג — ער ליכטיקט, ער העלט.

שלאָפט, קינדערלעך, שלאָפט איין,
דער מאָרגן וועט אַ ליכטיקער זיין —
אַיילע ליו־ליו־ליו, אַיילע ליו־ליו־ליו,
ס׳איז נאַכט, און שלאָף, און רו — —

זיבן ברונעמער אין נגב

אין זיבן ברונעמער פון נגב
שפּיגלען זיך בלויע הימלען, —
וועקן מדבר פון דורותדיקן דרימלען.
ס׳היטן די ברונעמער אין נגב
בחורים ובחורות, —
זיי בויען, פורעמען אַ שטאַט.

קאַיאָר הייבן זיך אויף יונגע ביינער;
טויאיקער דרויסן איז שלווה׳דיק־שטיל,
יעדערער גייט צו זיין ציל:
צום טראַקטאָר נעמט זיך אײנער,
דער פלאַנצער ביימעלעך טראָגט —
אַלע שיכטן דער נגב פאַרמאָגט:

פלאַנצער, אַקערער און בויער.
קומען אויף געצעלטן ווי נאָך אַ רעגן שוואָמען,
מיט געזאַנג און ברכה זייט מען זאָמען;
פלאַטערן יונגע בלעטער צו ישראל׳ס טויער;
אַליוו־ביימער צייטיקן די צוויטן
און סאַברעס, די גרענעצן זיי היטן.

צעפּיבערט איז דורך אַרבעט דער טאָג,
די בערג קוקן אַראָפּ מיט פרייד,
די זון אין פייער־פלאַמען פאַרגייט,
טאָל און היגל זעגענען זיך מיטן טאָג.
פאַרנאַכטיקע שלייערן הילן איין דאָס געמיט;
פון פרדס און פעלד גייט מען מיט מידע טריט.

האָרנדיקע לבנה שוויגט אויס אַ שאַלן:
די שטערן זי רופט אין דער נאַכט;
אויף שמירה שטייען סאַברעס און מען וואַכט.
פון די בערג ציען זיך שאָטנס און זיי פאַלן,
אויף טויאיקע פלאַנצן און גראָזן
האָבן זיך טריט צו די שומרים געלאָזן:

כלי־זיין אין די הענט פון דער וואַך,
געפעסטיקט דורך דורות׳דיקער גבורה.
אַ געשטאַלט לויכט אויף — אַ ליכטיקע בשורה:
— פון אוהל כ׳האָב אַראָפּגעשליידערט דעם דאַך;
פון בית־לחם, דורך נאַכט און דורך שטערן,
כ׳בענטש אייך: איר טוט אָפּווישן מיינע טרערן ———

די זיבן ברונעמער אין נגב טוט איר היטן:
„מים, מים־חיים״ זינגט דאָס האַרץ פון דער נאַכט,
און איר, אברהמ׳ס אייניקלעך, וואַכט,
אונטער שלייער־שאָטנס, אונטער הימל־צעבליטן.
כלי־זיין און אַקעראייזן אין אייערע יונגע הענט,
איר ליכטיקע בויער, אין דער אייביקייט צעהעלט.

דורך די טעג און דורך די יאָרן,
אויפגראָבן וועט איר אוצרות אין די בערג,
פון שלמה המלכ׳ס קופּער־מינעס — גאָטס ווערק.
שטילע וואַסערן וועלן באָדן טאָג דעם קלאָרן;
פישערלייט וועלן אין ימ׳ען אויסטערלישע פּערל קלייבן,
אין מוזיק און אין לידער וועט איר עס פאַרשרייבן.

און איר, מיינע טעכטער, וועט אַוועקלייגן ס׳כלי־זיין,
לידער וועט איר זינגען אייערע קינדערלעך אין וויג,
דערציילן די מעשה עשו — פון גרויליקן קריג, —
מדריכים וועלן תלמידים לערנען: „און עס וועט זיין,
ווען עולים וועט מוטער רחל ניט באַגעגענען מיט טרערן
ניערט מיט געזאַנג צו גאָט, און ליכטער פון די שטערן.״

האַרנדיקע לבנה האָט פאַרבלייכט אין הימל,
שטערן זיינען ווי גילדענע פישלעך פאַרשוואומען, —
ביים האָריזאָנט שניידט זיך נייער טאָג צום קומען,
בלומען צעעפענען זייערע אויגן צום זוניקן הימל.
בויער שפּאַנען איבער פלעינען, איבער פלאַכן, —
אויף זייערע טואונגען, דער בורא עולם, טוט וואַכן.

ישראל וויגליד

שלאָף מיין קינד, מיין צאַרטער יינגל,
מאַך די אויגן צו,
ביז דער מלאך מיט סאַמעט־פליגל
וועט זינגען דיר ליו־ליו;

כ׳וועל אַ מעשה דיר דערציילן,
מאַך די אויגן צו,
כ׳וועל אַ מעשה דיר דערציילן,
שלאָף, מיין זון, ליו־ליו.

די באָבע דאָבע פלעכט אַ שלייפל
פאַר דיין רעכטער האַנט,
דער זיידע נתן פירט אַ שיסל
פאַר גריצעלעך מיט שמאַנט.

שפילצייג פירט ער אַ פולן קאַסטן
פאַר שטיפערלעך אין לאַנד,
שלאָף־זשע איצט, מיין צאַרטער יינגל,
מיטן שלייפל אויף דיין האַנט — — —

דיין טאַטע־מאַמע אַקערן פעלדער
אונטערן הימל בלוי,
דיין טאַטע־מאַמע פלאַנצן וועלדער
מיט קושן פונעם טוי.

שאָסייען ליגן ברייט געפּלאָסטערט
פאַר דיינע העלדן פיס;
אַנטקעגן קומען דיר גבורים,
גבורים ריז נאָך ריז:

יהודה המכבי און זיינע ברידער — —
אונדזער אַלטער יחוס־בריוו;
זינגט רחל צו ירושלים,
באר־שבע און תל־אביב.

פון מצרים ביזן שיף „עקזאָדוס"
ציט זיך אַ לאַנגע קייט — —
אָט קומען בויער, אַקערער,
איך הער די טריט — מען גייט!

שלאָף־זשע איצט, מיין צאַרטער יינגל,
מאַך די אויגן צו,
ביז דער מלאך מיט סאַמעט־פליגל
וועט זינגען דיר ליו־ליו,
וועט זינגען דיר ליו־ליו־ו־ו.

דער וואַלד רוישט

א

כ׳האָב געזען
אַ ייד מיט בלייכע הענט
פלאַנצן אַ צווייגעלע
אויפן באָדן פון יהודה,
דאָס צווייגעלע — —
אָנזאָג אויף אַ סאַפּלינג.

כ׳האָב געהערט
וואָרצלען קושן רעגן־טראָפּנס,
שטאַמען זיך ציען שלאַנק, הייך,
ביימער־קרוינען שמייכלען מיט צוויט.
כ׳האָב געהערט אַ ניגון
צום טאַנץ
פון בלעטער מיטן ווינט.

מיט בענקשאַפט
מיט ערפורכט
געשפּאַנט האָב איך
צו יענעם אור־אַלטן בוים,
וואָס האָט געטריפט מיט שלווה,
וואָס האָט געשפּרייט שאָטנס
איבערן קאָפּ פון **פאָטער אברהם:**
ווי יענע אורחים, זיך דערפרישט
מיט קרישטאָל קלאָרע וואַסערן — — — —

רוישט דער וואַלד
און היט:
סוד
לעגענדע
טריט פון דערלייזער — —
ער גייט
אויף זייטיק־טיפע וועגן.
סאַפּלינגען
צעבליט איןביימער,
גרינע בלעטער פאַרהוילן
זיפצן — —
פּליטים קילן וואונדן אין שאָטנס פון וואַלד,
וואונדן בימי חורבן שלישי.
סאַפּלינגען
אויסגעצייטיקט אין ביימער
שמייכלען אונטער מזרח הימל.
גאָט'ס טוי טרינקט אָן פלאַנצן,
די גאָלדענע זון
וואַרעמט דאָס האַרץ,
דעם אינגעווייד פון יונג־וואַלד.
צווייגן געלאָדן מיט פּירות:
אין וויינזאַפּט רויטלען זיך עפּל,
באַרן ווי גלעקער — פאַרהאַלטן קלאַנג,
פלוימען אין דופּטיקן נעפּל
חנדלען צו שאַרלעך־רויטע קאַרשן.

זינט בית שני
ציט דאָס פאָלק אין היימלאַנד
אונטער דער שבועה:
„אויב כ׳וועל דיך פאַרגעסן ירושלים״.
ניט ווערנדיק מיד כ׳גיי אין וואַלד,
געפלאַנצט פון **מוטער שרה׳ס** טעכטער.
דאָ איז גרויס דער וואונדער:
דער וואַלד רוישט,
די צווייגן־בלעטער פלאַטערן,
שטיפן קינדערלעך ביים זוים פון וואַלד.

רוישט אַ וואַלד אַ יונגער,
ביימער־קרוינען צעגרינטע
ציען צו בלויע הימלען;
שליאַכן שלענגלען זיך
פירן מיך פון יונג־וואַלד אַרויס
צו באַנעמען דעם וואונדער,
צו זען דעם נס
אין אייביקן **חומש־לאַנד.**

אויף יענער זייט וואַלד

ב

אויף יענער זייט וואַלד
זיינען בערג אויפגעגאַנגען,
נעפל־שלייערן זיך געהויבן פון גראָז.
די זון — אויסגעצוואָגענער הירש
באַלויכטן, באַשטראַלט די וועלט.

אויפן באָדן פון יהודה
איז אַ וואַלד אויפגעגאַנגען,
צעדערביימער אין גאָלד־גרינע בלעטער
צעפלאַטערט אַנטקעגן בעלי־חלומות:
אָנקומענדיקע גלות־יידן.

שיבת ציון ט׳געצונדן הערצער פון בילוים,
מיט חלום,
מיט גלויבן
זיך געלאָזן אויף וועגן צום לאַנד פון תנ״ך.
ווי דער משורר געקושט דעם באָדן.
געאַקערט, געוועקט דרימלענדיקן מדבר.
זומפּן געטריקנט, פעלדער געזייט.

נעמיראָוו, קישינעוו „שחיטה־שטאָט"
דערוואַכט די יוגנט
ביים וואַרשטאַט און גימנאַזיע —
יונגע טאָפּאָלן — בליענדיקער וואַלד,
אַ צעשמייכלטע גייט אויף די צווייטע עליה.

„ווייסער פּאַפּיר" שרעקט ניט חלוץ האַנט:
מען בויט, מען הונגערט, מען ענטפּערט:
„אַ חלום פון אַ פאָלק פאַרגייט ניט מיט דער נאַכט,
חלוציות האַקט אויס אַ נײַ געבאָט!
אויף שליימיק גרויע זומפּן געצעלטן לויכטן אויף."

פּליטים

ג

אויף בלוטיקע ימען זיינען פּליטים געשוואומען.
געיאָגט פון שטרומאָ!
געיאַגט פון פּאַטריאַ!
פּליטים:
מיט אימה אין האַרצן — —
מיט אַש אין די אויגן — —

אויף די בערג פון יהודה
זיינען העלדן געגאַנגען,
דורך וועגן שמאָלע.
דורך שטורעם, דורך האָגל,
געגאַנגען, געגאַנגען קיבוץ גלויות אַנטקעגן.

אַ ווידמונג דער חלוצה

חנה טשיזשיקן —— לזכרון

פון טייטש־חומש צום לאַנד פון די אבות,
האָסטו זיך געלאָזן מיט דער צווייטער עליה;
מיט ליבשפאַט צום לאַנד פון די אמהות
זיך געווידמעט דעם געבאָט פון עבודה.

מיט ציין און מיט נעגל געריסן די שטיינער,
געטריקנט די זומפּן, געפּלאַסטערט דעם וועג,
וואָס האָט באַשווערט מיט דער משא פון שטיינער
און געשפּונען דעם חלום פון ליכטיקע טעג.

מיט דיין אַדלער־בליק האָסטו די טעכטער געהיט,
אין די טעג ווען זריעה און ברויט האָט געפעלט;
מיט הונגער־נסיון אין זייערע גליאיקע טריט ———
בראשיתדיק האָט איר אויפגעאַקערט דאָס פעלד.

האָבן גערטנער געצייטיקט גרינסן און תבואה,
פרייד האָט געכוואַליעט איבער משק הפועלות;
אַקער־אייזן געפּעסטיקט אין האַנט מיט א שבועה:
זיך איבערבויען! געוועז איז דאָס נייע געבאָט ———

בלילה, על המשמר

א

אונטערן צייכן פון ווייס און בלאָ,
אונטערן צייכן פון דודס זיגל,
זאָגן מיר צו די עולים „ברוך הבא"
און מיר צעברעכן דעם שונאס ריגל — — —

ב

מיר, די קינדער פון ישראל,
וואַכן אויף באַרג און טאָל;
מיר אַקערן די פעלדער
און פלאַנצן טיפע וועלדער.

ג

מיר, די קינדער פון ישראל,
דעראַבערן ניט קיין פרעמדע גיטער, — —
מיר, די קינדער פון ישראל,
זיינען פון אייגענע גרעניצן די היטער.

זיבן זיינען זיי געווען

טעכטער פון אַלע קאָנטינענטן
חלומען אונטער איין דאַך;
אויף דער וואָר טראָגן זיי מונטערן
געזאַנג צום לאַנד פון תנ״ך.

זיבן זיינען זיי געזעסן אויף אַ בוידים־שטיבל,
צי אין אַ קעלער־שטוב ביים לאָמפּן־שיין — — —
איינע האָט אַ בריוו געלייענט, פול מיט זאָרג און פּיין:

שטראָף־רייד האָט מען אויפגענומען אָן פּאַראיבל:
„איר שיקט פּעקלעך צו די אָרעמע מומעס, — — —
מיר ברוגזן זיך ניט, מיר זאָגן אָן תרעומות:

„מיר האַקן שטיינער, דאָס לאַנד מיר בויען;
פון שטאָט און שטעטל האָבן טעכטער זיך דערקענט,
אויף אַרבעט שענקט יעדע איינע אירע וואַכע הענט.

„אונדזער ליבשאַפט, חברות, אייך מיר טרויען:
אונדזער חלום איז אַ ברונעם — מים! מים!
דיכטער גראַמען דאָס וואָרט מיט ירושלים.

„ביי אונדז איז עס עיקר, מיר דאַרפן אַ ברונעם;
זינט רבקה ט׳אליעזרס קעמלען מיט וואַסער אָנגעטרונקען,
האָט דאָס געלייטערט יידיש פאָלק געזונגען — — —״

זיבן זיינען זיי געזעסן, איינע האָט אַ בריוו געלייענט:
„אייער ברונעם, חברות, האָט אונדז אָנגטרונקען,
אייער הערלעכע מתנה האָבן מיר באַזונגען.״

די וואונדערלעכע עולה

פרעמיער גאָלדע מאיר — אַ ווידמונג.

איז געקומען אַ טאָכטער פון מילוואָקי
אין היימלאַנד,
מיטן עול פון וואַנדער־וועגן.

מיטן בליק האָט זי געגלעט
יעדן טאָל און יעדן היגל,
זיינען איר אַנטקעגנגעקומען:
רבקה מיטן וואַסער־קריגל,
דורשטיקע קעמל אָנצוטרינקען —
די פייקלערין, מרים הנביאה
פון נסים האָט דערציילט,
און די זינגערין דבורה
האָט געכישופט מיט איר ליד.

פול ווי אַ לאָגל,
מיט נסים און געזאַנגען,
איז די טאָכטער פון מילוואָקי
אין קיבוץ געגאַנגען.
שטיינער געהאַקט,
מאַלאַריע־זומפן געטריקנט;
ביימער געפלאַנצט אויף נאַקעטע בערג.

פאַר אירע אויגן
האָט זיך צעפּלאַפּלט דער ירקון;
מיט קרישטאָלענע וואַסערן
געזונגען האָט די זון;
ווייטער נגב נאָענט איז געוואָרן,
זיינען סאַבּרעס אַהין געפאָרן
דעם נגב צו דערקוויקן —

און דער נשיא המדינה
האָט דורך מנורה־רערן
די קוואַלן געצונדן, —
און, גאָט לכבוד,
האָט דאָס פאָלק ישראל געזונגען
אַ מזמור פון דוד.
און די זיבן מנורה־רערן:
גאָט'ס אויגן
װעלן מער ניט וואָגלען,
װעלן מער ניט וואַנדערן — — —

רחל

דיין טאַטנס טיש האָסטו פאַרלאָזן,
אויך דיין פאַליטרע און די פאַרב;
אין לאַנד פון די אָבות זיך געלאָזן
אַ יונגע, אַ רייפע ווי אַ גאַרב.

איבער ימען האָסטו זיך געלאָזן,
כוואַליעס געשלאָגן — לייבן ווילד;
נאָך לאַנג ביז ס׳האָט גענומען טאָגן,
דיין פלאַמיקן חלום אין שוימען געהילט.

דיינע שעוואַענע שיך האָסטו פאַרשליידערט;
אין מדבר געברענט דיינע באָרוועסע פיס;
דאָס גאָלדן־געשפאָן פון זיך דערווייטערט —
עבודה ביים כנרת איז דיר געוואָרן זיס.

דיינע הענט געשטאַרקט ביי דודס שטערן,
האָסט געמישט אַ פאַרב אינעם ווייסן־בלאָ;
די פאַרב האָט געבלענדט מיטן ליכטיקן שטערן,
איך בענטש יענעם מאַי — די אייביקע שעה — — —

אויפֿן שוועל

אויפֿן שוועל פֿון זעקסטן צענדליק
גייען טעכטער איבער אַ גאָלדענעם בריק:
מיט ליבשאַפֿט און זאָרג זײַ קוקן צוריק
אויף אָפּגעלאָפֿענע יאָרן פֿינף צענדליק.

אין גורלדיקער צײַט דער וואונדער איז געשען:
שרהס טעכטער האָבן דורך נויט זיך דערקענט,
געפֿעסטיקט די בריק מיט שוועסטערליכע הענט,
געוויקלט אין מוט איז אונדזער בראשית געווען.

אויף יעדער אנהייב לויערן וואַקלענדיקע טריט;
מיט זריעה אין האַנט געגאַנגען זײַנען פֿעסט
בעלי־חלומות צו בויען דאָס היימלאַנד־נעסט;
נאָכן פֿאַרזיי — — געוואַכט איבער געטלעכן שניט.
פּיאָנערן־מועצת־שוועסטער שפּאַנען אויפֿן געבענטשטן וועג,
אַנטקעגן פּלאַטערן פֿאַרשריבענע קאַפּיטלען: ליכטיקע טעג.

עֶרד

ווינטן צעוויגן בלומען
אין צעבליטן ערד גאָרטן;
גילדענע בינען זשומען,
שטיפן קינדערלעך דאָרטן.

דורך צוויטן שמייכלעןביימער;
צום ליכטיק געוועלבטן הימל;
אין לויב צום געטליכן שומר
פלאַטערט דאָס זומער־בלימל.

בייסן צעעפענען לעפצן
אונטער אַקערערס האַנט;
נאָך טוי די זריעות לעכצן,
דער זייער שפּאַנט און שפּאַנט.

דורך טוי, דורך זון, דורך רעגן,
צייטיקן תבואות און זאַנגען:
גערטנער אויף אַלע וועגן
צו פעלדער זיינען געגאַנגען:

מיט ברכות אויף די ליפּן
געבענטשט די הענט וואָס יעטן
ווילד־גראָז אויף ערד־געביטן;
גילדענע זון־שטראַלן גלעטן.

צעשטיפּטע ייִנגלעך און מיידלעך.
זיי טאַנצן און זינגען לידער
אויף צעגרינטע ערד־פֿעלדער,
וואָס שטאַרקן זייערע גלידער.

קומען יונגע פּאָרלעך
צו בויען ישׂראלס גיטער,
צייטיקן אויף ערד־פֿעלדער
תּבֿואות פֿאַר די שניטער.

פֿאַרמעסט

אונטער לויטערע ישׂראל־הימלען
אָנגעטראָגן האָבן זיך שפּאַרבערס,
צעפּליקט שטילקייט און די רו —
ניט געכאַפּט יעקבֿס אייניקלעך דרימלען;

אָפּגעשלאָגן די שפּאַרבערס
האָבן יונגע ישׂראל־גיבורים,
אונטערן צייכן פֿון דודס שילדן,
אונטערן צייכן פֿון דודס פּאַנצערס.

בליצן האָבן צעפּאַסעוועט דעם חלל,
דונערן האָבן געגרימט אין צאָרן;
צעשטערט שונאס כּלי־זין פֿון יאָרן,
אויף פֿליגלען געטראָגן ישׂראלס שלום.

געזאַנג פון שניטער

די וויסטעס פאַרזייטע,
דער נגב צעבליטער;
זיי קומען דערפרייטע,
די ליכטיקע שניטער.

זיי שניידן די זאַנגען,
ווייצן און קאָרן, — —
יובל געזאַנגען
אין שאַלן פון האָרן.

די סנאָפּעס זיי בינדן
צום חג העומר;
גאָטס זונען זיך צינדן
צום נייעם ויאמר— — —

סאַברעס זיי זינגען,
די עולים אַנטקעגן
ס׳פלעכטן זיך רינגען
און שמידן די וועגן.

זיי קומען די שניטער,
מיט קוישן און גאַרבן;
פון באָדן די היטער
לדורות צו אַרבן — — —

צום טויער פון ציון [1]

פון באָדן פאַרטריבן,
פון באָדן פאַרטריבן — —
דאָס פאָלק פון חלום און וואָר,
דאָס פאָלק פון חלום און וואָר.

געשפאַנט דורך די דורות,
געשפאַנט דורך די דורות — —
אין האַרצן אי חלום אי וואָר,
אין האַרצן אי חלום אי וואָר.

צום טויער פון ציון,
צום טויער פון ציון — —
שטראָמען די מחנות אַהיים,
שטראָמען די מחנות אַהיים.

די קעפ צו די הימלען,
די אַקסלען געפלאָכטן — —
גרעסער און גרעסער דער קראַנץ
גרעסער און גרעסער דער קראַנץ.

די וואָלקנס פאַרשוואונדן,
נייע זונען געצונדן — —
פלינקער און פלינקער דער טאַנץ,
פלינקער און פלינקער דער טאַנץ.

---

1) צו זינגען מיטן ניגון: „ארצה עלינו".

בת גלים

די טאָכטער פון די כוואַליעס
האָט זיך איבערן ים געלאָזן,
אַ שיף ווי אַלע שיפן — —
מיט אַ מאַסט און מאַטראָסן.

דערווינט האָט געפלאַטערט
די פאָן מיט דודס שטערן;
דער ים האָט דעם וועג
ניט געטאָן באַשווערן.

זינגט צבי שילדאָן [1]
אַנטקעגן די וואַסערן שטילע:
„דעם גייסט פון גאָט
נעם איך אויף מיט אַ תפילה;

„איר פיר ניט די שיף
צו דעראָבערן פרעמדע גיטער,
מיר זיינען פון אייגענע
גרעניצן די היטער — — —

---

1) צבי שילדאָן — דער קאַפּיטאַן פון שיף בת גלים.

„בת גלים, בת גלים,
טאָכטער פון די כוואַליעס,
דערצייל די שטורעמדיקע ימים,
דערצייל, טאָכטער פון די כוואַליעס:

„מיר, די קינדער פון ישראל,
דעראָבערן ניט קיין פרעמדע גיטער,
מיר, די קינדער פון ישראל,
זיינען פון אייגענע גרעניצן די היטער".

דערפרישט האָב איך

דערפרישט האָב איך די ליפּן אין דיין טוי,
מיינע וואונדן הייל איך אין ליכטיקן כנרת־בלוי,
יעדער זעמדל דערציילט פון אַנקומענדיקע טריט:
לויפערס טראָגן זיך אויף רוקנס פון די בערג,
געצונדענע פלאַקערס — לויכטן אויף גאָטס ווערק,
אין פלאַטער פון פליגל שוועבט דאָס שלום־ליד.

איבער שבעה ימים, דורך די וואַנדער־וועגן,
די עולים, זיי קומען צו ישראלס ברעגן — —
קושן זיי דעם באָדן דורך פאַרטרערטן ברעם;
ליים זיי קנעטן, דרייען שרויפן, ציגל מען ברענט,
פונדאַמענטן לייגן זיי מיט אָדערדיקע הענט — —
און צום בורא עולם זינגען זיי „ברוך השם".

דער ווייסער רייטער

עס איז שוין נאָך האַלבער נאַכט,
פאַרהוילן איז דער הימל אין חושך;
זין היטן די לאַנד־גרעניצן פון תנ״ך,
דער בורא עולם, איבער זיי, ער וואַכט.

טויזנטער יאָרן זינט דאָס פאָלק ציט אַהיים,
פון אַלע גלותן טראָגט יעקב בראַנדיקע וואונדן
און דאָס אייביקע ליכט אין זיין האַרץ געצוננדן —
כאָטש אין קנעכטשאַפט געטאָן קנעטן ציגל און ליים.

איצט בויט יעקב זיין געצעלט — ביזן דאַך;
שטייען עשו׳ס קינדער מיט שנאהדיקע אויגן.
עשוס שטאַם! לערן דאָס געבאָט „לא תרצח״
לאָמיר אויף דאָס ניי אַרויסהענגען דעם רעגנבויגן.

אויפן האָריזאָנט האָט זיך באַוויזן דער ווייסער רייטער:
עשו, עשו, גענוג קרבנות געברענט אויפן וועלט־שטייער!

סיני אַקציע

א

אין דער צייט פון מאַרש אויף מדבר סיני,
אין די טעג פון פרשה „תולדות" — —
אין דער שעה פון חצות
געשאַלט האָט דער אדון המדינה
צו די שומרים פון די גרעניצן,
צו די שומרים פונם היימלאַנד:
— שלאָגט דעם שונא מיט אַלע אייערע וואונדער!
און די שטערן וועלן צייכענען דעם וועג
און די בערג וועלן איינהיטן די גבורה
און די טייכן וועלן זויבערן
אַנטקעגן אונדזערע אויסגעבענקטע טעג — — —

ב

טראָגן זיך עראָפּלאַנען אונטער די וואָלקנס,
פּאַראַשוטיסטן צאַמען דעם ווינט
און יאָגן, —
פאַריאָגן דעם שונאס חיילות.
אונטער די הימלען
שוועבן זעקס מיליאָן קדושים
און וואַכן: די פייערדיקע טויערן
פון יעקבס געצעלטן
תמיד זאָלן זיין אָפן,
תמיד — — —

ג

און די טייכן וועלן אָטעמען
מיט דאָס בלויע פון די הימלען,
בלומען וועלן זייערע קעפּלעך נייגן
צו קינדערלעך אין שפּיל
און די זון־שטראַלן
וועלן קושן די שפּיצן פון זאַנגען
און ווייַן־קעלערן וועלן פולע קרוגן
צום יום־טוב דערלאַנגען.
און עס וועט גרינען דער וועג
איבער וועלכן פעלקער וועלן ציען
און זייערע מידע הערצער טובלען
אין ישעיהס נבואה:

„והיה באחרית הימים"

די צענטע טויב

די טויב איז פון דער תבה אַרויסגעפלויגן,
גאָט׳ס וועלט איז נאָך געווען מיט בענקשאַפטן פול;
ניט געזוכט האָט זי אַן אָפּשטעל, אַ גבול, —
געשפּרייט האָבן פריד און רו אירע טויבן־אויגן.

שיפן זיינען דורך דורות געשוואומען,
פון דער תבה ביזן שפּאַלטן פון ים, —
משה האָט צו די אידן געטאָן זאָגן: „גם וגם
באַפרייטע, וועט איר אין צוגעזאָגטן לאַנד קומען.״

שאַקאַלן, עקדעשן האָבן זיך געווידמעט, געמערט,
שווער געווען איז אָפּהיטן די רו און פריד;
די צענטע טויב וועט ברענגען דאָס שלום־ליד, —
און לערנען וועט די וועלט און בויען אומגעשטערט.

מיט שטראַלן פון דער זון און טוי פון גאָט׳ס פלאַנצן,
מיט ברכות, מיט געזאַנג וועלן פעלקער אין יובל טאַנצן.

פיאָנער

דו האָסט געֿרעדט אין לשון פון די אבות
און דערמאָנט דאָס לאַנד, וואו ברויט
און טעגליך לעבן גראַמט מיט טויט,
נאָר דיינע אַקסלען זאָגן ערבות:

אַז אַ חלום פון אַ פאָלק פאַרגייט ניט מיט דער נאַכט!
פון דורות אָן אין וואָגל איז זיין טראַט,
פיאָנער האָט אויסגעהאַקט אַ ניי־געבאָט:
אויף שליימיק־גרויע זומפן בנינים אויפגעוואַכט.

אַ חלום פון אַ פאָלק פאַרגייט ניט מיט דער נאַכט.
„ווייסער פאַפיר" שרעקט ניט דעם בויערס האַנט:
נאָכן חמסין גייט ליכטיק אויף דאָס לאַנד.

ליגן וועגן און שאָסייען קלוגע און באַזאַכט,
פרדסים בליען מיט חלומות אינם צוויט — — —
בויער גייען איבער וועגן מיט האָפערדיקע טריט.

אויף באַפּרײַטער ערד

זיבן קעמלען, אויערן — לאַצן צעשפּרײַטע,
זיצן זיבן זעלנער פון יידישן לעגיאָן גרייטע:

צו לאָזן זיך אויפן אײַנגעדרימלטן מדבר־וועג,
באַפרײַען דעם באָדן אין אונדזערע שווערע טעג.

דער מדבר ליגט פאַרהוילן אין סודותדיקן דרימל,
אויף זאַמד־דיונעס שפּאַנען קעמלען צום הימל.

זינגען זיבן זעלנער שטיל, צום בורא, מיט בטחון:
„דו האָסט צוגעזאָגט אויסלייזן אברהמס שטאַם פון יאָכן״.

אונטער דער מזרח־זון שרפהט דער מדבר־גוף,
שפּאַנען קעמלען אויף זאַמדן־טרעפּ אַרויף, אַרויף.

זעלנער בליקן, ווי די אָדלער, זוכן דעם באַדײַט:
אויפשפּאַלטן רעטעניש פון ספינקס, אין דער נײַער צײַט.

פון יענער זײַט האָריזאָנט האָט זיך דערטראָגן אַ געזאַנג,
צו די זיבן זעלנער, אויף קעמלען אין מדבר־גאַנג;

די הגנה, געפעסטיקט מיטן גלויבן — שטאַרקער פון טויט,
לערנט די קריגערישע וועלט צו בייטן איר הויט — — —

נאָך צוויי מעכטיקע זיילן — חן און דער פלמ״ח,
געלייגט איז דער יסוד לויטן סדר פון תנ״ך.

אַנטקעגן קומט דער רייטער אויפן ווייסן פערד —
צו יובלען מיט יעקבס שטאַם אויף באַפרייטער ערד.

זיבן קרוינען

זיבן קרוינען
פאַר די זין פון ישראל;
אונטער די זיבן הימלען
געטראָגן האָבן זיך חיילים
מיטן גייסט פון סיני־ליכט,
מיטן פייער פון די מכבים,
מיט טרערן און געזאַנגען.
אַ מדבר־ליד
געטאָן האָבן די וואונדער־זין זינגען:
עס איז דאָ אַן אָטעם אין זייער ליד,
וואָס פאַר־יום־טוב׳ט אַלע חושים —
מיט טרערן, מיט געזאַנגען.

טאָג דער זיבעטער

עס איז שטיל אין פאַרחלומטן באַגינען,
זון־שטראַלן קושן אַראָפּ טוי אויף בלומען;
פון אַלע וועגן פלאַנצער און זייער קומען,
חרובע טעג און מינוטן אַנטרינען — — —

יעדערער טראָגט אַ שפור פון יענע גרוילן,
וויקלט זיך אַרויס פון טרויער, פון ליידן;
דאָס לאַנד צעבליט איז אין זומער־פרייידן,
צער אין הייליקן דערמאָנען איז פאַרהוילן.

פאַר ירושלים השלימה, אונטער אָפענע הימלען,
לערנט מען שכנים דורך בויען שלום־וואָפן;
ישראל שומרים ניט כאַפן וועט מען דרימלען, —

טראָגט דאָס פאָלק אין זיך אייביקן האָפן,
אין בלוט און פייער אויסגעברענט נצחון,
טאָג דער זיבעטער האָט אויסגעשמידט בטחון.

לייכט־טורעם

ס׳איז ניט פון גלאָק דאָס צינגל,
וואָס וועקט און רופט דעם קלאַנג — —
ס׳איז די האַנט וואָס ציט דאָס שטריקל
און באַפרייט פון גלאָק דעם דראַנג.

ס׳איז ניט דער שטח צווישן בערג,
וואָס דערווייטערט זיי אין רוים — —
ס׳איז די טואונג דורך די טעג,
וואָס וועבט דעם אייביקן טרוים.

ס׳איז ניט דאָס גאָלד און זילבער,
וואָס לויכטן דורך שלמהס מינעס — —
ס׳איז די האַנט וואָס גראָבט אַרויס
די אוצרות, די עשירות.

ס׳איז ניט די פיש אין טייכן,
וואָס רודערן דורך די שטראָמען,
ס׳איז די בריקן איבער טייכן,
וואָס ווישן אָפּ די תהומען.

ס׳איז ניט דער הייכער טורעם,
וואָס שטרעקט זיין האַלדז אין חלל;
ס׳איז דאָס זעמדל, וואָפּנע, מירמל,
וואָס טוען פון לייכט־טורעם חלומען.

„ווי אין חלום"

אויפגעשטאַנען בין איך מיט'ן מאָרגנשטרן,
געגאַנגען, געגאַנגען אויף אַ ברייטן שליאַך:
דאָס איז געווען אינ'ם לאַנד פון תנ"ך.

אַנטקעגן מיר אויפ'ן מדבר־וועג דעם שווערן,
אָנגעקומען איז אַן אַלטער, די אַקסל געבויגן;
זיין בליק קלאָר — געצונדענע אָדלער־אויגן.

די זאַמדן בלענדן אין ליכטיקן באַגינען,
דער מדבר ליגט אין סודותדיקן דרימל;
שפאַנען מיר שווייגענדיג אונטער גאָט'ס הימל.

אין אונזער שווייגן טו איך זיך באַזינען:
— טייערער זיידע, וואוהין ציען די קאַראַוואַנען
ביים האָריזאָנט, אַזוי ווייט פון דאַנען ?

דער אַלטער שטעלט אָפּ זיין טראָט,
ציט אַרויף דאָס קלומעקל אויפן פלייצע:
— טאָכטער, ווייניקער פרעגן איז מיין עצה.

שווייגן, דאָס איז אַ הייליקער געבאָט — — —
גייען מיר און גייען ניט ווערנדיק מיד;
פאַרביי ציען חיילים אין זיכערע טריט.

די מזרח־זון צעגיסט זיך איבערן הימל ווי וויין,
שפּאַנען קעמל אויף זאַמדן־טרעפּ אַרויף, אַרויף;
חיילים וואַכן איבער אויסלייזערין מיטן שלום־רוף —

אונטערן פלאַמיקן הימל און געטליכן שיין,
אויפגעלויכטן האָט דער אַלטער מיט אָדלער־אויגן
און מיטן קלומעקל, מיט מיין חלום פאַרפלויגן — — —

* * *

פאָרן חיילים און פאָרן אויפן ברייטן שליאַך,
צו פאַרהיטן די גיטער אינם לאַנד פון תנ״ך.

אין מדבר פאַרנאַכט

איך שטיי אונטער אָפענע הימלען,
ווי אַמאָל אין מדבר פאַרנאַכט;
אין האַרצן אַ דורותדיקער דרימל,
אויפן וועג האָבן חושים דערוואַכט.

דער מדבר אין פלאַמיקע צונגען,
די זון דעם האָריזאָנט האָט געברענט;
אין גאַנג האָבן יידן געזונגען — —
קעפּ צום הימל, צום בורא די הענט.

משה האָט דעם ים־סוף געשפּאָלטן,
געהויבן האָבן זיך שוים־ווייסע ווענט;
דער שונא האָט געיאָגט און געשאָלטן,
ישראל אייגענע כוחות האָט דערקענט — — —

די פייקלערין מרים הנביאה
און די טעכטער ישראלס אין טאַנץ,
אין געזאַנג און אין יובל ביז שקיעה
ט׳זיך געפלאָכטן גרעסער דער קראַנץ.

נאָכן גלות דורך טויזנטער יאָרן,
נאָך דער קנעכטשאַפט אין פּרעה־לאַנד,
זיינען די גייער שטאַרקער געוואָרן
אויפן וועג פון צוגעזאָגטן לאַנד.

איך שטיי, ווי אַמאָל, איצט אין מדבר,
יובל מיטן פאָלק טו איך פאַרנעמען; — —
אין זכות פון העראָאיש־גרויסן דור,
נויגן זיך הימלען, גאָטס ליכטיקע ברעמען.

חג הביכורים

דורך קלאָרן הימל
מיט גאָלדענע שטראַלן, —
די וועלט אין דרימל
אין פריידיקן קוואַלן.

גערטנער מיט בלומען,
פעלדער מיט זאַנגען;
מענטשן־קינדער קומען
מיט פרייד, מיט געזאַנגען.

מען שניידט די תבואה,
גערשטן און קאָרן
דורך שאַלן פון האָרן.

פון דער בינע

לכבוד גאָלדע מאיר

פון דער בינע האָט זי מיטגענומען
פולע הויפנס בליענדיקע בלומען;

אויף זיכערן באָדן איז זי געגאַנגען,
געקושט האָט זון אַ פעלד מיט רייפע זאַנגען.

איר אָדלער־בליק קוקט אַריבער אָפּגעלאָפענע יאָרן,
טואונגען אירע זעט זי ווי אין שפּיגל קלאָרן:

צום ברעג פון צוויי טויזנט־יאָריקן חלום צוגעשוואומען,
כוואַליעס געשלאָגן האָבן באָרטן אונטער פלאַמיקע זונען.

דער באָדן מדברדיק פאַרטריקנט איז געווען, —
עקשנותדיק אויפן שווערן וועג זיך דערזען.

צו מזרח אויסגעשטרעקט אירע וואַכע הענט,
מיט אַ תפילה צום בורא־עולם זיך געווענדט:

„מיין כוח שענק איך דאָס לאַנד פון מיין חלום,
כ׳וועל אָפּראַמען שטיינער, ריין מאַכן די לופט אין חלל;

„כ׳וועל אַקערן און זייען, פלאַנצן בלומען און ביימער,
אויסהיטן פון געפאַר וועט דער אייביקער שומר — — —

אין חלום זע איך ווייסע עופות אויף פעלדער אָפּן,
כ׳הער געקריי פון האָן, ער וועקט די וועלט פון שלאָף — — —

„אויף עראָפּלאַנען טראָג איך זיך אין ווייטע רוימען,
אין שליחות פון מיין לאַנד פיר איך שלום־זוימען.

„רעדן מיינע ברידער דורך אויגן — אָן ווערטער:
,דאָס איז אונדזער ביטער־גורל, דער באַשערטער׳ — — —

„כ׳זע שבטים הונגעריקע, אָן אלף־בית אין מויל,
אויפגעוויקלט זייער נאַקעט לעבן אין פולן גרויל — — —״

פון דער בינע האָט זי מיטגענומען
פולע הויפנס בליענדיקע בלומען;

אַ גאָלדענער פאַרנאַכט געטאָן האָט זיך צו איר נויגן
אין אַלע זיבן פאַרבן פונעם רעגנבויגן — — —

צוויי ברידערלעך אין תל־אביב

צוויי ברידערלעך אין תל־אביב
אַוועק זיינען העלפן דעם טאַטן;
דער מאַמען איבערגעלאָזט אַ בריוו:
„מאַמע, מיר ווילן אויך זיין סאָלדאַטן.״

געגאַנגען זיינען זיי גיך־גיך,
מיט גרויס אימפּעט געשפּאַנט;
איינער ניט פאַרשנורעוועט די שיך,
איינער מיט אַ פּעקעלע אין האַנט.

ווייט זיינען אונדזערע סאָלדאַטן,
ווייט זיינען אונדזערע חיילים
— — גייען מיר העלפן דעם טאַטן,
היטן וועט אונדז **אלוהים.**

צוויי ברידערלעך זיינען געקומען
העלפן אין זעקס־טאָגיקער מלחמה;
דער מאַיאָר מיט פרייד האָט באַנומען:
די טרייסט פון לאַנד — — די נחמה.

אַנגעקומען זיינען די „רעקרוטן״.
אין לאַגער פון ישראל־אַרמיי;
לויבט דער מאַיאָר זייער מוט:
— — שלום! טייערע ברידערלעך צוויי!

— — צו יונג זייט איר צו זיין זעלנערס,
דערווייל לערנט, אַז די זון העלט — — —
איצט, קערט־אויס דעם הויף, דעם שעלטער,[1]
ריינקט־אָפּ דאָס שמוץ פון גאָרער וועלט — — —

1) שוצקעלער קעגן באָמבאַדירונגען.

אין דיין טוי

אין טוי פון דיין פרדס
אַ לאַנד, מיין לאַנד,
האָב איך מיין חלום געטובלט;
אין שעה פון גזר
מיט אַלע חושים פון דיר געאַנט.
אַ לאַנד, מיין לאַנד,
אין שעה פון גאולה
האָב איך מיט מיין פאָלק געיובלט.

קינדערלעך אין שעלטער

אויף יענער זייט זעקלעך
געשטאָפּטע מיט זאַמד,
שפּילן זיך שטיפערלעך
אינעם אַלט־נייעם לאַנד.

זייערע געלעכטערס צעוויגן
יהודהס בערג און טאָלן,
פון הר־ציון דעם ניגון
אין געזאַנג צו ישראלן,

וואָס בויט דעם משכן
ווי גאָט האָט געבאָטן,
און טייטשט פאַר עשון
די צען געבאָטן — — —

די קינדער פון יעקבן,
אייניקלעך פון אברהמען:
ניט אויסלעשן וועט גאָט
דעם ליכטיקן נאָמען, אמן.

צו די וואַסערקוואַלן

גערזאַנגמייסטער,
נעם אַראָפּ דיין כּישוף־פידל
פון דער ווערבע, —
שפּיל אויף אַ מזמור
צום מלך מלכי המלכים,
וואָס האָט דערפרייט דאָס פאָלק ישראל.

דער פעלדז איז נאָכגיביק געוואָרן,
דער פעלדז צעעפנט האָט די קוואַלן,
און דערקוויקט די בני ישראל.
האָבן זיי געזונגען שבחים
צום מלך מלכי המלכים,
וואָס האָט דערפרייט דאָס פאָלק ישראל.

ווייסער גאָלד

ווייסער גאָלד — אויף ישׂראלס באָדן
בלאַנקט דאָס באַנוול אין מזרח־זון;
וואַרעמקייט צערטלט דעם באָדן,
עס קושן די צווייגן שטראַלן פון זון.

דורך גרינע בלעטער פינקלען באַלן
באַנוול קלאָרער — זויבער פון שניי,
שטיל ווי לאַמען ציען זיך שטראַלן;
אין שלווה נידערט פון הימל גאָטס טוי.

זיסע וואַסערן טרינקען אָן די שטאַמען,
ליכט־זיילן וואַכן איבער יהודהס גיטער;
בויער גאַרטלען און פעסטיקן די צאַמען,
מיט פרילינג־געזאַנג קומען אָן די שניטער.

יונגע הענט קלייבן ווייסן גאָלד אין קוישן,
פערל־ציין בלאַנקע — מיט געהייבענע אַקסל
יינגלעך און מיידלעך רודערן און רוישן — —
אין פריידיקער אַרבעט זיי דרייען די אַקסן.

ראָלן רעדער איבער שינעס קאַסטנס געלאָדן,
געטורעמט מיט גאָלד אין ווייסן בלענד — —
באַנוול געוואַקסן, אויף ישׂראלס באָדן,
געפלעגט און געצערטלט פון יונג־וואַכע הענט.

געזאַנג פון אַ סאַבראַ

פאַר דיר, ישראל, מיין יעדן טראָפּן בלוט,
פאַר דיר מיין חלום, פאַר דיר מיין וואָר;
אונטער דיין הימל אין בלויער קלאָר
געשטיפּט, אונטער דיין צעדערבוים גערוט.

וואַרף איך מיין יונגן בליק צוריק
און כ׳פריי זיך מיט יענע ליכטיקע טעג:
מיין יינגלישע זאָרגלאָזיקייט, מיין געיעג
נאָך טויבן ווייסע אויף געפעסטיקטער בריק.

טויזנט פרעהס לויערן אויף ישראל׳ס לעבן,
שטאַרק איך מיין גלויבן אין די נעפל־טעג,
און שעפּ כוח וואָס מסדה האָט מיר געגעבן,
ווען וואָלקן־זיילן פאַרטונקלען ישראל׳ס ברעג.

פון ישמעאלס שייטערס טראָגן זיך ביז היינט פלאַמען,
טראָגן מיר פלאַקערס אויף יהודה בערג, זיין שנאה צאַמען.

ביאַליקס ניגון

רייך איז דיין שייער
די אוצרות מיר היטן, — —
ס׳איז הייליק און טייער,
דיין גאָרטן צעבליטן
מיר היטן, מיר היטן.

דער טאָג איז אויפגעגאַנגען אַ גרויער,
נעפּל־שלייערן האָבן די שטאָט איינגעהילט;
זיינען מענטשן געגאַנגען אין טראָט איינגעשטילט,
אין האַרצן געטראָגן אי פרייד, אי טרויער — — —
געדיכטער האָט זיך דער נעפּל געשפּונען — —
אַ דרימלענדיקע קאַץ פויל זיך געצויגן;
מענטש אין גאַטס וועלט אונטערן יאָך געבויגן — —
אין שטילקייט זיינען זיך זייערע עולן צערונען.

פון נאָענט און ווייט זיינען טעכטער אָנגעקומען
אויף אַ מסיבה — — צום יום־טוב פון וואָרט;
ליכטיקע געזאַנגען האָט אַן עולם פאַרנומען:
ביאַליקס ניגון — — דער וואונדער אַקאָרד —
דורכגעברענטער נעפּל מיטן פייער פון זיין ליד,
האָבן זיך צעוויגט חסידיש — טאַנצנדיקע טריט.

קינסטלער אין ישראל

אויף דיין באָדן האָבן זיי געצעלטן אויפגעשטעלט
פון אַלע גלותן געניוס אַהער, צו דיר, געבראַכט;
אין טעג די גרויליקע האָט דער בורא געוואַכט,
איבער זייער וואַגלען אויף דער שטויביקער וועלט.

צו באַמאָלן וואָס מען האָט אין דער פרעמד געזען,
ניט קלעקן וועלן לייוונטן, ניט קלעקן וועלן פאַרבן:
חלומות האָבן געבליט, חלומות האָבן געטאָן שטאַרבן,
דורך נגישות וואָס האָבן צום וואַנדער־פאָלק געשען — — —

דאָס בלויע פון הימל און דער סוד פון זיבן פאַרבן,
וועלן גובר־זיין איבער פיין און בראַנד־פייערדיקע וואונדן:
צוויי־טויזנט־יאָריקער חלום אייביקע זונען האָט געצונדן;
בלינדע פעלקער־שנאה אָפגעטויט וועט ווערן און שטאַרבן.

אויסגעחלומטער ניגון

דער אויסגעחלומטער ניגון
שטראַלט אַרויס פון ישראל,
און מרים געטאָן האָט זיך וויגן

מיט פויק און מיט צימבל אין האַנט,
געטאַנצט אַנטקעגן בני ישראל
ביים אַריינגיין אין צוגעזאָגטן לאַנד.

נאָכן אָנשרייבן אַ קאַפּיטל תהילים
געטאַנצט אַרום משכן האָט דוד,
טאַנצנדיק געזונגען אַ ניזאַנג,
זיין געזאַנג — אַ מזמור פון דוד.

אויפן האַרף געשפּילט האָט דוד
זיין אויסגעחלומטן ניגון;
געהיט דעם שווערד און די שילד —
און געפירט דאָס פאָלק צו זיגן.

געקושט האָט ארץ ישראל באָדן
דער משורר ר׳ יהודה הלוי,
לדורות וועט לויכטן זיין חלום,
זיין געזאַנג אין ליכטיקן בליען.

אויפגעאַקערט דעם באָדן האָט דער חלוץ;
אויף תנ״ך׳ישע טאָלן און בערג
גאָטס לויטערער טוי האָט געטריפט —
אונטער מזרח הימל אויף גאָטס ווערק.

זינט מרים ט׳געזונגען צו בני ישראל
שפּינט זיך ביז היינט דער אייביקער ניגון:
פון דעם בעל שם טוב ר׳ ישראל —
ביז דאָס געזאַנג פון פלמ״ח טוט זיך וויגן.

אַ ליכטיקע נסיעה

אָנגעקומען בין איך אין נגב נאָכן רוף פון האַרן,
אויפן פעלד בין איך אַרויס אין נעפּלדיקן קאַיאָר;
דערפרייט האָט מיך אַ ליכטיק־בויענדיקער דור, — —
פאַר מיר געשפּרייט אַ טאָג אַ לויטערן, אַ קלאָרן.

אַקער־אייזן האָט דורשטיקן מדבר פון טריקעניש באַפרייט,
פון זייערס פּנים אויף בייטן שווייס געטאָן האָט פאַלן;
גאָט האָט רחמימדיק צעעפנט זיינע בראשית־קוואַלן,
דורך עבודה האָט דער גלות־ייד זיך אַליין באַנייט.

דורך אַלע חושים דעם וואונדער ניט געקאָנט באַנעמען:
דער ווינט טוט וויגן זאַנגען, קאָרן־פלאַנצן און ווייצן,
די שפע טוט מיט געטליכע ברכות אין שייערן פלייצן;
ווען זון צעעפנט בלומען־אויגן, דערוואַכן מיינע ברעמען.

אונטער בלויע הימלען צווישן בלומען־בייטן האָב איך געשפּאַנט
און פליגל פון יונגן טאָג געגלעט האָבן דאָס אַלט־נייַלאַנד.

טויב, מײַן טויב

טויב, מײַן טויב,
פֿלי צום ברעג,
וואו ס׳בליט גלויבן
פֿון אַ פֿאָלק אין וועג —
צווײ טויזנט יאָר אין וועג.

טויב, מײַן טויב,
זוך אויס אַ צווײַג,
וואָס צײַטיקט גלויבן;
צעשטער שונאס שטײַג
מיטן שלום געצײַג — — —

טויב, מײַן טויב,
פֿלי אין די רוימען,
וואו אײביקער גלויבן
צעשמעטערט צוימען.
און פֿאַרווישט תהומען.

טויב, מײַן טויב,
שוועב אין די ספֿערן
פֿון געטלעכן גלויבן,
מײַן פֿאָלק זאָל באַשערן
זון־ליכט און שטערן.

אויף דיינע זיבן ימען

גאָט, אויף דיינע זיבן ימען
זיינען וואונדער געשען:
משה האָט דיין אויסדערוויילט פאָלק
פון קנעכטשאַפט אויסגעלייזט,
אויף אַ „געשפּאָלטענעם" ים
די באַפרייטע אין לאַנד כנען געפירט.

מאַרקאָ פּאָלאָ געזוכט האָט כינע,
אַמעריגאָ וועספּיושעס האָט פאַרשפּעטיקט;
און קאָלאָמבוס
געזען האָט זיין חלום אויף דער וואָר
איבערן אויסשפּרייט פון אַטלאַנטיק
די „מעיפלאַוער" איז געשוואומען;
מיילס סטענדיש, דער וואונדער־קאַפּיטאַן
די לייבן־כוואַליעס האָט באַצוואונגען,
פּריסילאַס האַרץ
צו דזשאַן אָלדן האָט געזונגען — — —

דורך שטורעם־כוואַליעס אויפן אַטלאַנטיק
געשניטן האָט „קורסק" אַ וועג
צו ניו־יאָרקער האַפן.
מיט טויזנט אימיגראַנטן
באַטראָטן האָב איך מאַנהעטן ברעג;
ביז היינט הער איך ליכטיקע געזאַנגען
פון „פּלימוט ראַק" צום „פרייהייט גלאָק".

צוויי און דרייסיק ווייסע טויבן

זיינען געפלויגן, געפלויגן,
צוויי און דרייסיק ווייסע טויבן
אונטער שטראַליק בלויע הימלען
אויסגעטאָן האָט דער **בורא עולם**
זיין אבל־קרוין
נאָך פאַרברענטע יידישע קהילות;
זיך געטרייסט
זיך געפרייט
מיט די טריט: —
אתחלתא דגאולה.

אברהמס אייניקלעך
טרעגער פון הייליקער ירושה,
מאַרשירן אונטערן פלאַטער פון פליגל,
אונטערן פלאַטער פון יידישן פאָן,
אונטערן פלאַטער פון שטערן און שטרייפן,
אויפן באָדן פון אייבראַהעם לינקאָלן,
אויפן באָדן פון וואָלט וויטמאַן;
מיט געזאַנג, מיט טאַנץ
טוט דער אייביקער ייד חלומען:
בויענדיק **בית שלישי**.

אינהלט

נצח ישראל – 3
צו די ברעגן פון תל־אביב – 4
אַ וויגליד – 11
זיבן ברונעמער אין נגב – 12
ישראל וויגליד – 15
דער וואַלד רוישט א – 17
אויף יענער זייט וואַלד ב – 20
פליטים ג – 22
אַ ווידמונג דער חלוצה – 23
בלילה על המשמר – 24
זיבן זיינען זיי געווען – 25
די וואונדערלעכע עולה – 26
רחל – 28
אויפן שוועל – 29
ערד – 30
פּאַרמעסט – 31
געזאַנג פון שניטער – 32
צום טויער פון ציון – 33
בת גלים – 34
דערפרישט האָב איך – 35
דער ווייסער רייטער – 36
סיני אַקציע – 37
די צענטע טויב – 39
פּיאַנער – 40
אויף באַפרייטער ערד – 41
זיבן קרוינען – 42
טאָג דער זיבעטער – 43
לייכט־טורעם – 44
ווי אין חלום – 45
אין מדבר פּאַרנאַכט – 47
חג הביכורים – 48
פון דער בינע – 49
צוויי ברידערלעך אין תל־אביב – 51
אין דיין טוי – 52
קינדערלעך אין שעלטער – 53
צו די וואַסערקוואַלן – 54
ווייסער גאָלד – 55
געזאַנג פון אַ סאַבראַ – 56
ביאַליקס ניגון – 57
קינסטלער אין ישראל – 58
אויסגעחלומטער ניגון – 59
אַ ליכטיקע נסיעה – 60
טויב, מיין טויב – 61
אויף דיינע זיבן ימען – 62
צוויי און דרייסיק ווייסע טויבן – 63